ו. כרגיל צו אפלערנען א ענין אין פרש"י על הסדרה, און אויך א ענין אין פרקי אבות, אין פרק חמישי, ווי דער אלטער רבי ברייגנט בסידורו אז יש נוהגין לערנען פרקי אבות בכל שבתות הקיץ, און אויך א ענין אין די הערות פון טאטן אויף'ן זוהר.

וואס בנוגע צו פרש"י בסדרה זו, איז דאס בנוגע די ניסים וואס זיינען געווען אז דער בארג האט זיך גערוקט לגבול מואב און האט געהרגעט די אמוריים וואס זיינען דארטן געווען וואס צוליב דעם האבן אידן געזאגט די שירה, (וואס אויף דעם האט מען געזאגט דעם מאמר, וואס ער איז מיוסד אויף די מאמרים פון רבותינו נשיאנו בפרט אין אוה"ת, וואס דער צ"צ איז דארטן מבאר כדרכו מיט הערות וביאורים), דערפאר וואס דער באר האט מגלה געווען די ניסים וואס זיינען געווען, ווי רש"י זאגט אז "הענין הזה נדרש למעלה הימנו",

וואס דאס איז אין קאפיטל כ"א פסוק ט"ז, שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "ומשם בארה", און איז מבאר "משם בא האשד אל הבאר כיצד אמר הקב"ה מי מודיע לבני הניסים הללו המשל אומר נתת פת לתינוק הודיע לאמו לאחר שעברו חזרו ההרים למקומם והבאר ירדה לתוך הנחל והעלתה משם דם ההרוגים וזרועות ואברים ומוליכתן סביבה מחנה וישראל ראו ואמרו שירה".

וואס רש"י'ס ענין בכלל איז דאך מבאר זיין פשש"מ, און ניט ברייגנען ענינים פון אגדות וכו' סיידן אויב ס'איז נוגע צו פשש"מ, ווי רש"י זאגט אין אנהויב בראשית אז ער ברייגנגט אגדות וואס זיינען מישב פשוטו של מקרא, וואס עד"ז איז פארשטאנדיק אויך דא אז רש"י מוז דערציילען דעם גאנצן ענין, ווייל דאס איז מוכרח אין פשש"מ, וויבאלד אז דער פסוק ברייגנגט אז ס'איז געווען משם בארה, ד.ה. אז דער אשד הנחלים איז געקומען אין באר, איז לכאורה צוליב וואס האט מען גענדארפט האבן דעם ענין? אויף דעם ברייגנגט רש"י דעם גאנצער סיפור אז דער אויבערשטער האט געוואלט באוויי זן אידן די ניסים וואס ער האט געמאכט, דערפאר איז געווען דער ומשם בארה.

אבער אין די רש"י איז דא כו"כ דיוקים, ביז א קלאץ קשיא:

א) רש"י איז מבאר פארוואס האט דער אויבערשטער געוואלט באווייזן אידן דעם נס, גיט ער אויף דעם א משל, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז אן דעם משל וואלט דער בן חמש למקרא ניט פארשטאנען פארוואס דארפמען באווייזן די ניסים, און דורך דעם וואס ער וועט פארשטיין דעם משל, וועט ער פארשטיין אויך דא, וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק וואס דארפמען האבן אויף דעם א משל, ס'איז דאך מובן בפשטות צו א בן חמש למקרא, אז דער אויבערשטער האט געמאכט אידן א נס, האט ער זיי געוואלט באווייזן און בפרט אז מ'זעהט טאקע אז נאך דעם וואס אידן האבן זיך דערוואוסט וועגען די ניסים, האבן זיי געזאגט שירה, איז דאך פארשטאנדיק אז דער אויבערשטער האט געוואלט אידן זאלן וויסן פון דעם נס איז וואס דארף רש"י אנקומען צו א משל?

ב) די קשיא איז נאך שטארקער: ס'איז דאך פארשטאנדיק אז רש"י איז ניט מחדש א סיפור מעצמו נאר ער האט א מקור אויף דעם, וואס דער מקור פון דעם סיפור איז אין מדרש תנחומא, און אין ברכות בקיצור, איז אז מ'קוקט דארטן זעהט מען אז ס'שטייט דער סיפור און שטייט ניט דער משל, איז דאך די קשיא נאך גרעסער פארוואס ברייגנגט רש"י א משל אויף דעם?

ואדרבה: עפ"י דרך הדרוש איז ניט גלאטיק פארוואס דארף דער אויבערשטער מאכן א ספיצעלען נס אויף צו באווייזן אידן די ניסים וואס ער האט געמאכט, דארף דאס האבן א ביאור אבער עפ"י דרך הפשט איז פארשטאנדיק אז דער אויבערשטער האט געוואלט באווייזן אידן די ניסים אעפ"כ זעהט מען אז אין מדרש און אין

גמ' שטייט ניט קיין משל, און רש"י ברייננגט א משל?

ג) דער משל וואס רש"י ברייננגט איז: "נתת פת לתינוק הודיע לאמו" וואס דער משל איז לכאורה ניט גלייך צו דעם נמשל, ווארום אין משל גיט מען פת דעם תינוק און מ'איז מודיע לאמו ד.ה. צו אן אנדער מענטשן, משא"כ אין נמשל האט דאך דער אויבערשטער געמאכט די ניסים צו אידן און זיי אליין דערציילט ער דאס ניט ווי אין משל אז מ'דערציילט דאס א צווייטן - אמו?

ד) דער מקור פון וואנעט רש"י ברייננגט דעם משל נתת פת לתינוק הודיע לאמו, איז אין גמ' שבת וואס פאר דערויף וואס די גמ' זאגט נתת פת לתינוק וכו', זאגט די גמ' הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו וואס דאס איז לכאורה מער מתאים אהערצו אז דעם זעלבן וואס מ'גיט די מתנה, אים איז מען מודיע,

דארף מען פארשטיין פארוואס ברייננגט ניט רש"י דעם משל פון הנותן מתנה לחבירו וכו', נאר פון נתת פת לתינוק וכו'?

ה) פארוואס זאגט רש"י נתת פת וכו' וואס דער ענין פון פת איז דאך א דבר המוכרח, אבער דער נס איז דאך ניט קיין דבר המוכרח, ווארום דער אויבער-שטער דארף ניט אנקומען צו דער וועג הרג'נען די אמוריים ס'איז דאך הרבה דרכים למקום, איז פארוואס זאגט רש"י פת לכאורה האט ער געדארפט זאגן נתת מתנה לתינוק וכו'? אה"נ דער לשון אין גמ' איז אזוי אבער רש"י'ס ענין איז דאך ניט מעתיק זיין לשונות פון גמ' וכו' ביז אז כמדובר כמ"פ קען רש"י משנה זיין לשון הפסוק, און ברייננגען נאר דאס וואס איז אים נוגע צו זיין פירוש, איז פארוואס זאגט רש"י דעם לשון פון פת און זאגט ניט נתת מתנה לתינוק?

ו) דערנאך איז דא די קושיות אין רש"י'ס פי' גופא: רש"י זאגט והבאר ירדה וכו' ומוליכתן סביב המחנה, אז דער באר איז געגאנגען ארום דער מחנה, און אידן האבן דאס געזעהן און געזאגט שירה, וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק וואו איז משמע אין פסוק "ומשם בארה", אז דער באר איז געגאנגען ארום דער מחנה, אפשר איז דער באר ניט געגאנגען ארום דער גאנצן מחנה נאר ס'איז געווען די וואס האבן דאס געזעהן און זיי האבן דערציילט אלע אידן.

נאך מער: אז מ'קוקט אין גמ' זעהט מען אז די גמ' זאגט טאקע אזוי אז ס'איז געווען צוויי אידן וואס זיינען געגאנגען בסוף המחנה וואס איינער האט געהייסן את, און דער צווייטער האט געהייסן והב, וואס דאס איז וואס ס'שטייט "את והב בסופה" אז זיי זיינען געווען בסוף המחנה און נאך דעם וואס אידן זיינען אריבער געגאנגען די בערג האבן זיי געזעהן אין דעם באר דם וזרועות וכו' און זיי האבן דערציילט אידן, און אידן האבן געזאגט שירה, איז דאך ניט פארשטאנדיק פארוואס וויל רש"י ניט לערנען ווי די גמ' זאגט, נאר ער זאגט אז דער באר איז געגאנגען ארום דער גאנצן מחנה וואס לכאורה איז ניטא קיין הכרח בפשש"מ?

ז) דערנאך איז רש"י ממשיך: "והעלתה משם דם ההרוגים וזרועות ואברים" וואס דערויף איז ניט פארשטאנדיק:

א) בשעת מ'זאגט אברים איז דאך אין דעם כולל אויך זרועות, איז פארוואס דארף רש"י אויסטייטשן זרועות ואברים?

ב) וואס איז טאקע דער הכרח אין פשש"מ אז ס'איז געווען סיי דם און סיי זרועות ואברים?

ג) בשעת מ'קוקט אין מדרש זעהט מען אז דער מדרש זאגט אז דער באר האט

געבראכט דם, גולגולת זרועות רגלים ואברים אין מספר, און רש"י איז משנה פון דעם מדרש: ער ברייננגט ניט דאס וואס דער מדרש זאגט גולגולת, ער ברייננגט ניט רגלים, און ברייננגט ניט אז ס'איז געווען אין מספר נאר ער זאגט דם זרועות ואברים?

בנוגע צו די הערות אויפ'ן זוהר, שטעלט ער זיך אויפ'ן זוהר (דף קפו,א) וואס ער זאגט אז ר' יצחק און ר' יהודה הוי אזלי באורחא און זיי האבן געטראפן א ינוקא און ער האט ניט געוואלט גייען צו זיי, און ער האט זיי געזאגט אז ער פילט אז יומא דא לא קרו ק"ש, האבן זיי אים געענטפערט ודאי הכי הוא וימא דא אשתדלנא בהדי חתן וכלה ומאן דאתעסק במצוה פטור מן המצוה, און ווי האט דער י' געוואסט אז זיי האבן ניט געליינט ק"ש האט ער דאס געפילט בריחא דלבושייכו.

שטעלט ער זיך אויף דערויף אין די הערות (ע"ש צד ואילך) און ער איז מבאר די שייכות פון ק"ש צו לבושים אז דערפאר וואס זיי האבן ניט געליינט ק"ש האט געפעלט בא זיי אין ריחא דלבושייכו, און ער איז מבאר דארטן נאך ענינים און ווי גערעדט כמ"פ אז די ענינים וואס ער האט זיך פארלאזט אז מ'וועט זיי וויסען פון אנדרע ערטער האט ער ניט געשריבן, וואס לכאו' איז דא ניט פארשטאנדיק א פשוט'ע און א כללות'דיקע שאלה:

דער ביאור פארוואס העוסק במצוה פטור מן המצוה איז ווייל אין יעדער מצוה איז כלול אלע מצוות, דערפאר ווען ער טוט איין מצוה איז ער פטור פון אלע מצוות, איז דאך ניט פארשטאנדיק: דאס וואס זיי האבן זיך מתעסק געווען בשמחת חתן וכלה איז דאך געווען א ענין כדבעי, און זיי האבן געזאגט אז העוסק במצוה פטור מן המצוה, איז פארוואס האט בא זיי געפעלט אין ריחא דלבושייכו?

בנוגע צו פרקי אבות, זאגט ער אין משנה ה' עשרה ניסים נעשו לאבותינו בבימ"ק וכו' וואס אין דערויף איז לכאורה ניט פארשטאנדיק:

א) דער ענין פון פרקי אבות איז דאך ענינים פון מילי דחסידותא, איז וואס איז דא די הוראה בנוגע צו מילי דחסידותא פון דעם וואס מ'ווייסט אז עשרה ניסים נעשו בביהמ"ק?

בכללות קען מען זאגן דעם ביאור אין דערויף: וויבאלד אז ומפני חטאינו גלינו מארצנו, און כדי מבטל זיין דעם מסובב דארפמען מבטל זיי די סיבה, וואס דערפאר איז נוגע וויסן דער גודל העילוי פון ביהמ"ק אז דארטן האט מען געזעהן עשרה ניסים בגילוי וואס דאס וועט מחזק זיין זיין עבודה אין דעם ביטול הסיבה ס'זאל בטל ווערן דער מסובב, וויסנדיק דעם עילוי וואס וועט זיין אין ביהמ"ק, און אזוי ווי אין ביהמ"ק איז געווען ענינים ע"פ טבע און ענינים פון ניסים למעלה מהטבע, עד"ז וועט זיין אין זיין עבודה ענינים פון לפנים משוה"ד און הידור מצוה.

דאס איז אבער ניט גענוג ביאור: ווארום דאס איז דאך א ענין כללי, און א הוראה כללית און דאס איז ניט קיין הוראה פרטית ע"ד ווי די משנה זאגט פריער (פ"ג מ"א) הסתכל בשלשה דברים וכו', וואס דאס איז דאך א הוראה פרטית משא"כ דאס וואס ער זאגט עשרה ניסים וכו' איז א הוראה כללית, ע"ד ווי ער זאגט פריער (מ"א) בעשרה מאמרות נברא העולם וואס דאס איז א הוראה כללית מ'זאל וויסן דעם ענין הפרעון און גודל השכר פון צדיקים.

און וויבאלד אז דאס איז א הוראה כללית איז דאך דאס ניט גענוג ווי ער איז מבאר אין קונטרס התפלה און אין קונטרס העבודה, און אויך אין די מאמרים פון מיטלע'ן רבי'ן שער היחוד בתחילתו אז ס'איז ניט גענוג א התבוננות בכללות נאר ס'דארף זיין א התבוננות פרטית און א ענין פרטי פריער דארף זיין דער ענין

בירושלים אז ס'איז טאקע געווען נחש ועקרב נאר זיי האבן ניט מזיק געווען און צווישן אזעלכע ניסים שטעלט מען אריין אזא נס, די כהנים זאלן ניט ווערן פארטשאדעט פון אביסל עשן? וכפי שיתבאר לקמן.

ז. בנוגע צו דעם ביאור אין פרש"י איז דער ביאור אין דערויף:

דער ענין פון די ניסים מיט דער שירה, איז דאך דאס געווען בסוף ארבעים שנה, נאך דערויף וואס אידן זיינען געווען אין מדבר ניין און דרייסיק יאר, אין במשך פון די צייט האבן אידן געזעהן א סאך ניסים, וואס יעדער טאג האבן זיי באקומען דעם מן, און דאס איז דאך ניט געווארן א דבר הרגיל ווארום אז ס'איז געקומען שבת פלעגט דער מן ניט אראפ גיין, און דערנאך נאך שבת איז ווייטער געגאנגען דער מן, און אין דעם מן גופא האבן זיי געזעהן ניסים אז בשעת ס'איז געווען דער "ויותירו" אז מ'האט ניט געגעסן דעם מן אין דעם זמן, איז געווארן תולעים וכו' און בשעת ס'איז געקומען יום הששי איז אדרבה: זיי האבן באקומען מן פאר צוויי טעג,

עד"ז האבן זיי געהאט נאך ניסים: מים מבארה של מרים, און דער באר איז מיט געגאנגען מיט זיי די גאנצע פערציק יאר, און זיי האבן געהאט די ענני הכבוד וואס פלעגן הרג'נען די נחשים ועקרבים, און זיי האבן געזעהן אז זייערע לבושים זיינען מיט געוואקסען מיט זיי, ווי דער בן חמש למקרא וועט לערנען שפעטער אז שמלתך לא בלתה מעליך, און די ענני הכבוד פלעגן פרעסן זייערע לבושים וואס פון דערויף זעהן מען אז דער ענין פון ניסים איז ניט געווען א דבר חדש נאר זיי זיינען איינגעוויינט מיט ניסים שטענדיק איז דאך ניט פארשטאנדיק וואס איז געווען דיהתפעלות פון דעם נס וואס זיי האבן דא געזעהן, לכאו' ניסים בא זיי איז געווען א דבר הרגיל?

איז דאך פארשטאנדיק אז אין דעם נס איז געווען א ענין מיוחד וואס איז ניט געווען אין די אנדערע ניסים, און דערפאר איז געווען די התפעלות פון דעם נס, און דערפאר האט דער אויבערשטער געוואלט באווייזן אידן די ניסים,

און אויףדערויף ברייבגט רש"י דעם משל, נתת פת לתינוק הודיע לאמו, וואס דער ביאור אין דעם משל איז: וויבלאד מ'זאגט נתת פת לתינוק, איז דאך פארשטאנדיק אז מ'רעדט דא ניט וועגן א תינוק וואס איז ערשט געבארן געווארן, נאר מ'רעדט דא וועגן א תינוק וואס קען שוין עסן פת, ער איז שוין אלט א פאר יאר, איז ווי אזוי געפינט ער זאך בחיים איז דאך דאס דערפאר וואס אמו האט אים געגעבן עסן די גאנצע צייט, און דא איז דער חידוש אז ניט אמו גיט אים פת אזוי ווי אלע מאל, נאר אימיצער אנדערש גיט אים פת, און אויף דערויף זאגט מען נתת פת לתינוק הודיע לאמו, ווארום מודיע זיין דעם תינוק קען מען ניט, ווארום בא דעם תינוק איז פת א דבר הרגיל ער באקומט דאס יעדן טאג, און וויבאלד אז ער איז א תינוק קען ער ניט פאנאדער קלייבן צי אמו גיט אים פת אדער א צווייטער גיט אים פת, און דערפאר זאגט מען הודיע לאמו און במשך הזמן וועט אמו געבן צו פארשטיין דעם תינוק אז יענער האט אים געגעבן פת.

וואס איז דאס אין נמשל? איז תינוק גייט דאס אויף אידן און אמו גייט דאס אויף די וואס האבן געדאגה'ט פאר אידן זיי זאלן האבן אלץ וואס זיי דארפען וואס אלע ענינים וואס אידן האבן געהאט איז דאס געקומען דורך דעם וואס אמו - די מנהיגי ישראל האבן זיך משתדל געווען פאר דערויף: אז ס'איז געווען דער מן, האט משה מתפלל געווען ס'זאל זיין מן, עד"ז בא דעם שליו האט משה מתפלל געווען ס'זאל זיין שליו, עד"ז אז ס'איז געווען מים מבארה של מרים האט משה מתפלל געווען צום אויבערשטן אז ס'איז געווען די ענני הכבוד האט אהרן מתפלל געווען צום אויבערשטן אז ס'איז געווען דער הכנעני מלך ערד האט אהרן מתפלל געווען צום אויבערשטן, עד"ז זיינען געווען נשיאי ישראל וואס פלעגן דאגה'נען

פאר אידן ווי דער בן חמש למקרא וועט גלייך לערנען וואס רש"י זאגט אז יעדער נשיא פלעגט מאכן א חריץ פון דעם באר ביז זיין מחנה און די וואסער פלעגן קומען דורך דעם חריץ צו דעם מחנה זעהט מען דאך אז אלע ענינים וואס אידן האבן געהאט זיינען געקומען דורך השתדלות פון מנהיגי ישראל.

משא"כ אין דעם נס איז ער געקומען ניט דורך השתדלות פון אמו, ווארום אידן האבן דאך ניט געוואוסט די גאנצע זאך אז די אמוריים באהלטן זיך וכו', איז דאס ניט געקומען דורך תפלת משה וכו' וואס דאס איז אזוי ווי אין משל נתת פת לתינוק, אז א צווייטער גיט אים פת און ניט אמו, און דאס איז וואס ער זאגט נתת פת לתינוק און ער זאגט ניט דעם לשון מתנה ווייל בא אידן ווי זיי זיינען געווען דעמאלט זיינען ניסים ניט קיין דבר חידוש, דערפאר קען מען דא ניט ניט זאגן מתנה, נאר ער זאגט פת, ווייל דער נס איז געווען א דבר הכרח כדי ראטעווען אידן פון די אמוריים.

און אויף דערויף זאגט ער נתת פת לתינוק הודיע לאמו אז וויבאלד דער נס איז ניט געקומען דורך השתדלות פון אמו, און אמו האט אינגאנצן ניט געוואוסט דערפון, דארפמען מודיע זיין לאמו, און אמו -וועט מסביר זיין דעם תינוק וואס איז דא געווען.

און וויבלאד אז דא שטייט אז ישיר ישראל און ס'שטייט ניט ישיר אמו-משה אדער משה ובנ"י, איז פארשטאנדיק אז אלע אידן האבן דאס געזעהן וואס דערפאר זאגט רש"י אז דער באר איז געגאנגען ארום דעם גאנצן מחנה, כדי אלע אידן זאלן דאס זעהן, אבער די אידן האבן דאך ניט געוואוסט וואס דאס איז זיינען זיי געקומען צו משה'ן און דערציילט אז דער באר איז מאדנע ניט ווי אלע מאל, אז אלע מאל זיינען געווען ריינע וואסער אין באר, און מיט אמאל זעהן זיי דם או זרועות וכו', און דעמאלט האט זיי משה דערציילט די ניסים וואס זיינען דא געווען וואס דאס איז אזוי ווי אין משל אז דער תינוק ווייסט ניט און אמו דערציילט אים.

און דאס וואס רש"י ברייגנט אז דער באר האט געבראכט דם וזרועות ואברים איז דער ביאור אין דערויף: דאס וואס ער זאגט דם ההרוגים איז פארשטאנדיק ווארום וויבאלד דארטן זייבען געווען אמוריים און זיי זיינען געהרג'ט געווארן איז געווען דם ההרוגים, אבער דם אליין איז ניט גענוג ווארום פון דעם דם אליין קען מעט ניט וויסן דעם גודל הנס וואס איז דא געווען ווארום ס'קען דאך זיין אז די אמוריים וואס זיינען דארטן געווען זיינען זקנים אדער קטנים אדער חלשים איז דאך דער נס ניט אזוי גרויס, ווארום די סכנה איז ניט געווען קיין גרויסע, איז פון דעם דם אליין קען מען ניט וויסן אז דארטן זיינען געווען גיבורים,

און דערפאר זאגט רש"י אז דער באר האט געבראכט זרועות וואס פון די זרועות קען מען וויסן ווער זיינען דארטן ווי מ'זאגט וטרף זרוע אף קדקד, אז פון דעם זרוע קען מען זעהן אז דער מענטש איז א גיבור, אז מ'זעהט א שטארקע זרוע און שטארקע פינגער, פארשטייט מען אז דארטן זיינען געווען גיבורים, און דערפאר זאגט רש"י אז דער באר האט געבראכט זרועות, וואס דערפון זעהט מען די גרויסקייט פון דעם נס אז זיי זיינען ניצל געווארן פון די גיבורים.

אבער זרועות אליין איז ניט גענוג, ווארום ס'שטייט ואשד הנחלים וואס דאס מיינט שפך, וואס שפך קען מען זאגן נאר אויף א דבר הנוזל, וואס דערפאר מוז רש"י זאגן אויך דם, משא"כ גולגלת ברייגנט רש"י ניט ווארום ס'איז ניטא קיין הכרח אז ס'איז אויך א גלגולת אדער יע אדער ניט משא"כ דם וזרועות מוז רש"י ברייגען.

און דאס וואס רש"י זאגט אויך ואברים, איז דער ביאור אין דערויף.

הנחה פרטית בלתי מוגה

אויב מ'וועט זאגן אז דער באר האט געבראכט נאר זרועות און ניט אנדערע אברים, וועט מען דאך מוזן זאגן אז דא איז געווען א ספּיציעלער נס, ווארום ס'איז דאך דא רמ"ח אברים און דער באר האט געבראכט נאר זרועות, און דער בן חמש למקרא ווייסט דאך אז מ'ווארפט זיך ניט מיט ניסים גלאט אין דער וועלט אריין אויף דעם זאגט אים רש"י אה"נ אזא נס איז טאקע ניט געווען נאר דער באר האט געבראכט אויך אנדערע אברים און דאס וואס רש"י זאגט ניט אברים אין מספר (ווי דער מדרש) איז דאס דערפאר וואס בפשטות אויב די אמוריים וואס זיינען געווען אין די בערג זיינען געווען מיט א מספר וואס דערפאר וויל רש"י ניט זאגן אין מספר וואס עפי"ז איז פארשטאנדיק די דיוקים אין פרש"י.

בנוגע צח דעם ביאור אין זוהר, וואס מ'זאגט דעם ענין פון העוסק במצוה פטור מן המצוה און אעפ"כ איז געווען קענטיק בריחא דלבושייכו אז מ'האט ניט געליינט ק"ש איז דאך דא דער מאמר פון אלטן דבי'ן פון תקס"ב ד"ה כל המשמח, וואס דארטן איז ער מבאר דעם גודל העילוי פון שמחת חתן וכלה, אז דאס איז א יחוד חיצוני אבער דאס איז נאר ברוחניות הענינים.

און דאס וואס מ'זאגט אז העוסק במצוה פטור מן המצוה וואס דער ביאור אין דערויף אז ווייל אין יעדער מצוה איז כלול אלע מצוות, און דערפאר איז ער פטור מכל המצוות, איז ער מבאר אויף דערויף אין (המשך תדס"ו רד"ה כי ידעתיו, וראה ד"ה ה' שמעתי שמעך תרפ"ח) אז דער ענין ההתכללות איז שייך דווקא ווען דאס קומט אראפ אין א אופן פנימי אין כלים, בדוגמא ווי אין כוחות הנפש אז ווען דאס קומט אראפ אין אברים דעמאלט איז שייך דער ענין ההתכללות, משא"כ ווי די כוחות געפינען זיך אין א אופן פון מקיף דעמאלט איז ניט שייך דער ענין התכללות צווישן זיי.

וואס עד"ז איז אויך דא דאס וואס מ'זאגט אז העוסק במצוה פטור מן המצוה ווייל אין יעדער מצוה איז כלול אלע מצוות איז דאס ווי דער ענין איז מצד תורה וואס ענין התורה איז דאך אז דאס קומט אראפ בפנימיות וואס דערפאר איז דא דער ענין פון התכללות, משא"כ אין מצוות בעצם וואס זיי זיינען בחי' מקיף איז ווי זיי שטייען אין מקיף איז ניט שייך דער ענין פון התכללות וואס דערפאר איז אע"פ אז זיי האבן זיך עוסק געווען אין שמחת חו"כ פונדעסטוועגן איז געווען ניכר אז זיי האבן ניט געליינט ק"ש ווארום וואו איז דאס געווען קענטיק, זאגט ער אז דאס איז געווען בריחא דלבושייכו, וואס דער ענין פון לבוש איז מקיף עד"ז דער ענין פון ריח איז מקיף וואס מצד בחי' המקיף איז ניטא דער ענין התכללות פון די מצוות דערפאר איז געווען קענטיק אז לא קרו ק"ש, און דערפאר איז ער דאס ניט מבאר אין הערות ווייל דאס איז שוין מבואר אין תרס"ו און אין נאך ערטער.

בנוגע צו דעם ביאור אין פרקי אבות:

דער ענין פון עשן ווערט דאך פון דעם בירור הדברים הגשמיים וואס ער איז מבאר אין אגה"ק אז בשעת אז מ'פארברענט א דבר גשמי, איז ג' יסודות פון אים אש רוח און מים, ווערן נתעלה למעלה וואס דאס איז דער עשן און דער יסוד העפר שבו בלייבט למטה, איז דאך פארשטאנדיק אז דער ענין פון עשן איז אז דער דבר הגשמי ווערט נתעלה וואס דא רעדט מען דאך וועגן דעם עשן פון די מערכה וואס דאס איז געווען פון די קרבנות וואס דער ענין הקרבנות איז דאך ווי ער איז מבאר אין דעם המשך ההילולא פון בעל השמחה והגאולה אז קרבנות איז דער ענין פון קירוב הכוחות והחושים, ד.ה. דער בירור און עלי' פון די דברים הגשמיים.

וואס דאס איז דאך פארבונדן דווקא מיט גשמיות למטה ווארום ווי די גמ' זאגט אין יומא אז פון דעם אש שלמעלה איז ניט געווען קיין עשן נאר דער עשן איז געווען פון דעם אש של הדיוט וואס דאס איז פארבונדן מיט גשמיות.

און בשעת די גשמיות ווערט נתעלה איז ניט דער טייטש אז דאס ווערט